# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XI, No. 8 | 50 CENTS A YEAR | APRIL, 1929

## STEALING JEWISH SOULS

No, dear Jewish patriot, we do not steal Jewish souls. And we don't bribe little Jewish boys and girls with candy or toys, or money, or peanuts, or popcorn. Nor do we ever knowingly allow a Jewish child to come to our meetings unless at least one of the parents knows about it, and agrees to it. We make these statements because we like to believe that you are sincere when you make the unfounded and unprovable charge that we "steal the souls of Jewish children by bribery and against the knowledge of the parents." So we now state these facts as emphatically as we know how, and we challenge you to prove your sincerity by investigating every statement. It is easy for you to do this, for our Mission doors are always open, and we will give you every cooperation.

You could come, for instance, on a Wednesday afternoon; and you would find from thirty to fifty mature Jewish mothers, singing with happy hearts, singing praises to the Lord Jesus Christ, because He saved them from their sins, and put a new joy in their lives. And you will hear some of them tell how much it means to believe on the Lord Jesus Christ. And you will see them studying from the Bible—our Jewish Bible, and finding in our old Prophets all the wonders of the coming of the Messiah; and they study the New Testament, and rejoice to see how the Lord Jesus Christ did come, and how through faith in Him, their own lives have been transformed, and made truly happy.

And when you see and hear all that, you will find yourself saying, "They have something I haven't got; would to God I could be as happy and contented as they are!"

Then, in another room you will behold fifty to a hundred children, little tots, from 3 to 5 years old. And they are seated at long tables, and at each place is a cup of cocoa, and a piece of bread, and perhaps a bit of cake—a feast their little hearts look forward to a whole week. And 50 little heads are bowed, and 50 little pairs of eyes are closed, and 50 little voices are uplifted.

> "God is great and God is good,
> And we thank Him for this food,
> By His hands we all are fed,
> Give us all our daily bread."

And you will see all this, and perhaps a tear will come unbidden to your eye, and perhaps you will say, "God bless the Missionaries, after all. They really love our poor, and they really help them!"

And would you—could you—tell us, after you have seen all that, "You must stop it?" Have you anything to give in its place? If you call this bribery and if you call this stealing Jewish souls, then we at once plead guilty. And we shall continue to do this and to plead guilty for a thousand years to come, if the Lord should let us live that long on the earth. Because this is exactly what the Lord Jesus Christ Himself did when He was here in a human body upon this earth. He loved to help the poor, and He loved to heal the sick, and He loved to feed the hungry. On one occasion He had been talking to a great crowd of people who had gathered about Him on one of the grassy hillsides on the banks of Lake Galilee. The crowd had grown to the amazing number of five thousand, and breathlessly they listened to His marvelous words as they fell from His lips; so rapt were they in what He had to tell them, that before they knew it evening had come and it was time to eat. Instead of sending them away hungry, He took from a little boy who was at the meeting five little rolls of barley bread and two little fishes. These He blessed and told the disciples to pass the food around. And lo there was enough to feed 5000 people, with twelve baskets left over.

The trouble is, dear Jewish reader, now, just as it was in the days when the Lord Jesus Christ was here upon the earth, no matter what the Lord Jesus Christ did, it never suited the Jewish bosses. If He healed the sick by the miraculous touch of His hand, or the omnipotent fiat of His spoken Word, then the poor blinded rabbis shouted out "He has a devil!" If He went among the downtrodden sinners and poor people, and ate at the table with them so as to show them how He loved them, then again the infuriated Scribes and Priests hurled at Him the invective, "Behold a man gluttonous and a wine-bibber, a friend of publicans and sinners." (Matt. 11:19.) If again the Lord passed thru the cornfield on the Sabbath, and His disciples were hungry and He let them pick some of the ears of corn to satisfy their hunger, then the Pharisees, like a pack of wolves, surrounded Him and accused him of having broken the Sabbath.

And so it is today. If we as missionaries feed the hungry, clothe the poor, help the widow, then at once you shout at us that we are bribing the Jews to believe in the Lord Jesus Christ. If we should stop feeding the poor and if we should refuse to help those who come to us for help, you would at once denounce us from the front pages of your publications, that we are heartless and cruel; and you would sneer at us and say, "Fine Christians you are!"

So all we can do is just to go our way and serve the Lord Jesus Christ as we know He would like to have us do. And there will always be a certain number of Jews, men and women and children who will hear our words and who will thank God that we ever passed their way. And there will always be others who will bark and criticize and resort to all kinds of means, fair or foul, to slander and malign Jews of their own flesh and blood whose only sin is that they believe in the Lord Jesus Christ, and that thru Him they will have forgiveness of sins and eternal life as was promised in Isaiah 53:6, "And the Lord hath laid on him the iniquity of us all."

Now, dear Jewish friend, will you not think over these things and ask God to show you whether you are doing what is right. Also ask God to show you what is the Truth about the Lord Jesus Christ; only before you ask Him we want you to make one promise if you are honest—promise God that if He does show you the Truth, you will walk in it.

## BETH SAR SHALOM

Throop Avenue and Walton St.
Brooklyn, N. Y.

Come to Our Meetings

EVERY FRIDAY - - - - 8 P.M.
EVERY SUNDAY - - - - 8 P.M.
EVERY MONDAY - - - - 8 P.M.

**We Want Your Subscription.**

If you are receiving The Shepherd of Israel and have not subscribed for it yourself, it is because someone else has subscribed for you.

Please notice that we do not send The Shepherd of Israel to any one unless it has been ordered and paid for. Sometimes a friend will buy from us a dozen or more copies, and will mail the papers to others. Over such mailings we have no control.

The Shepherd of Israel is being received by thousands of prominent Jews in America each month; among them are lawyers, doctors, merchants, bankers, and rabbis. Many are writing us to say how much they enjoy the paper. They are beginning to realize that after all they have no future hope aside from the Lord Jesus Christ, their Saviour and Messiah.

The subscription price of The Shepherd of Israel is 50c a year. Remittance can be sent either in stamps or by postal money order.

**Become a Subscriber Today.**

**Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**



הבא", ווייל קיינער האט עם איהם נישט פארזיכערט. נישט משה רבינו און נישט די אלע אנדערע נביאים. דאס האט איהם אביסעל אבגעשוואכט פון דער אידישער רעליגיאן. שפעטער ווען ער איז אריבער צום ליבעראלען אידענטום און צום סאציאליזם איז פון זיין אידישקייט אין גאנצען א תל געווארען, עס איז פון איהם נישט מעהר איבערגעבליבען ווי א מאסע מיט „טויטע ביינער". (יחזקאל ל"ז).

דאס קאלטע קריסטענטום פון יענעם לאנד האט אויך קיין רושם געמאכט איבער איהם וויסענדיג דעם פועל יוצא דערפון, ווי למשל די אינקוויזיציע, פאגראמען און בכלל רדיפות אויף אידען. יא אין אזא בין השמשות'דיגען צושטאנד האבען איהם די אומשטענדען אריבער געבראכט נאך אמעריקא און זיך באזעצט אין סט. לואיס, מיזארי, וואו ער איז שפעטער געווארען אן איינפלוסרייכער געשעפטסמאן.

ויהי היום, איז אמאל געקומען נאך סט. לואיס א קריסטליכער בעל דרשן (עוואנגעליסט) ביים נאמען „דזשיפסי סמיטה" וועלכער האט מיט זיינע דרשות צוגעצויגען מאסען מענשען וואס זענען איהם געקומען יעדען אבענד הערען.

צווישען די פיעלע ארבייטער וואס זענען געווען באשעפטיגט אין אונזער גרויסען איד'ס קליידער געשעפט איז געווען א זעהר רעליגיעזע קריסטליכע פרוי וואס האט יעדען אבענד באזוכט יענע פערזאמלונגען און האט שטארק געבעטען איהר „ברויט געבער" אז ער זאל אויך געהן הערען דעם גרויסען בעל דרשן רעדען.

ווי מיר ווייסען שוין איז מר. פלאקס לחלוטין קיין מאמין געווען אין רעליגיאן, בפרט נאך אין דער „קריסטליכער" וועלכע האט פראדוצירט אן אינקוויזיציע און פאגראמען. יוסף פלאקס האט געדענקט אזוי ווי פיעלע אנדערע אידען דענקען אז אלע נישט־אידען זענען קריסטען, אז יעדער גוי איז א קריסט און אז דאס קריסטענטום איז פעראנטווארטליך פאר אלע מעשים תעתעים וואס גוים זענען בעגאנגען געגען אידען. בקיצור, מר. פלאקס האט נישט געוואלט געהן.

דיעזע גוטע קריסטליכע פרוי האט אבער אזוי לאנג אן איהם מפציר געווען אז ער זאל כאטש איינמאל געהן און איהם הערען ביז ער איז איין אבענד מיט־געגאנגען, נישט אז ער זאל הערען די דרשה נייערט אז ער זאל דארט מאכען צו אש און בלאטע זייער גאנצע אמונה.

גאט ב"ה זאגט אבער אין ישעיה נ"ה: „כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי", מר. פלאקס האט די דרשה יא צוגעהערט און די דרשה איז איהם אויך שטארק געפעלען. ער האט ערשט דארט דערזעהן דאס שעהנע וואהרע קריסטענטום, דאס פארקערפערטע ביבלישע אידענטום וואס ברענגט שמחה און נחמה, גאולה און ישועה אין מענשענס הערצער און דערפאר זינגען זיי אזוי הארציג, דאנגעגען אבער ביי איהם איז דאס הערץ אזוי פוסט אזוי לעער...

פרעגט שוין גאר נישט, מר. פלאקס איז צומארגענס ווידער געגאנגען צו יענער פערזאמלונג און איבערמארגען ווידער און ווידער, ווייל ער האט איינגעזעהן אז „הלא דבר הוא". שפעטער האט דער בעקאנטער אוהב ישראל פאסטאר גרעק זיך אין איהם פאראינטערעסירט, ער האט מיט איהם צוגעבראכט א גאנצען ליעבען טאג און האט אלע זיינע קשיות פארענטפערט און האט איהם פאלשטענדיג איבערצייגט פון תורת משה והנביאים אז ישוע איז דער איינציגער משיח ישראל.

אט דער ליעבער קריסט איז נישט ברוגז געווארען אויף זיינע קשיות און ער האט איהם נישט געענטפערט אזוי ווי זיינע פריהעריגע רבי'ס, אז „סתם מקשן עם הארץ" און מיט א קנאק אין די ציין אלס א צו־גאב נייערט מיט אזא הארציגע ליעבע וואס ער האט קיינמאל צופאר נישט געזעהן, יא אלעם דאס האט איהם געבראכט צו דעם גואל ישראל ישוע המשיח, וועלכער האט איהם יא פארזיכערט צו ברענגען „מחילת עונות" אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג; „והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו".

דא האבען זיך אבער אנגעהויבען זיינע צרות מצד זיינע פאמיליע. זיי האבען איהם אזוי געהאסט ווי די ברידער דעם אמאליגען יוסף. זיי האבען איהם אבגעזאגט פון דער משפחה און זיין ביזנעס (געשעפט) האט אויך אנגעהויבען צו ליידען, ווייל מ'האט איהם פשוט באיקאטירט. אונזער גרויסער איד האט אמשטאדט דעם בעקאמען א נייע פאמיליע, א מאסע ברידער און שוועסטער אין ישוע המשיח, ווי אויך א נייע באשעפטיגונג. ער איז צוערשט געגאנגען אין מאדי ביבעל אינסטיטוט שטודירען און איז דאן געגאנגען דרש'ענען די אמונת המשיח צו די אידישע ברידער, אז זיי זאלען אויך ווייסען פון דעם איינציגען גליק אין משיח. אויף אונזער מאדערנען יוסף קאן מען באמת זאגען אזוי ווי אויף דעם אמאליגען יוסף הצדיק אז ער איז: „איש אשר רוח אלהים בו".

---

## בית שר שלום

**קומט צו אונזערע פערזאמלונגען**

**פרייטאג נאכט 8 אוהר . . . פיר מענער און פרויען**
**זאנטאג נאכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען**
**מאנטאג נאכט 8 אוהר . . . . . . טעסטימאניאל**

## רוימט ארויס דאס אלטע חמץ

פון פ. גארדאן

רוימט ארויס דאס אלטע חמץ
עס איז פסח גלייך
עס מוז זיין אין די הערצער
פסח'דיג ביי אייך.

רוימט ארויס דעם אלטען חמץ
ניט נור אליין פון שטוב
דער חמץ ליגט אין הארצען
טיעף ווי אין א גרוב.

רוימט ארויס דעם אלטען חמץ
יעדען ארט פון זינד
וואס דורכזייערט די נשמה
מאכט די אויגען בלינד.

חמץ איז די אלטע שנאה
וואס ליגט טיעף אין הארץ
און דרינגט דורך אלע אברים
און מאכט וויים צו שווארץ.

חמץ איז אלטע ליגענס
וואס מען האט פערשפרייט
וואס האבען שוועסטער ברידער
פאר אייביג צושיידט.

חמץ איז — אין הארץ פאלשקייט
ווען מ'רעדט זיסע רייד.
די צונג — א שווערד א שארפע,
וועלכע ליגט אין שייד.

חמץ זענען מעשים טובים.
וואס דער מענש טהוט אליין
אלעם טויג אויף כפרות
אויב ס'הערץ איז ניט ריין.

אבער קיין שום מענש קען ניט
מאכען זיין הערץ ריין
קיינער וועט אהן דעם גואל
פאר גאט דארט באשטיין.

ישוע המשיח
מאכט ריין פון דעם שמוץ
דער שטארקער קאן דעם שוואכען
נעמען אין זיין שוץ.

אט דעם ריינעם דעם הייל'גען
גואל, זעהט איצט אן
דאס וואס ער ערב פסח
האט פאר אונז געטהון.

ער איז דער קרבן פסח
דער „שה אלהים"
מיר זאלען סליחות עון
בעקומען דורך איהם.

מיר זאלען קריגען הערצער
וואו גאטס גייסט נור וואוינט
ווייל נור אזא סארט לעבען
ווערט פון גאט באלוינט.

רוימט ארויס דעם אלטען חמץ
עס איז פסח גלייך
עס מוז זיין אין די הערצער
פסח'דיג ביי אייך

ארדענט: „ועצם לא תשברו בו" וועלכעס ציינט אונז אויך אהין צו דעם שה אלהים" ישוע המשיח, וועמען מ'האט קיין ביין צובראכען ווי די אנדערע בשעת זיי זיינען געהאנגען אויף'ן צלב. (יוחנן י"ט.)

דיעזע און פיעלע אנדערע סמנים געפינען מיר וועלכע ציינען אונז אז גאט ב"ה האט מיט דעם קרבן פסח אונז געוויזען א פארבילד צו ישוע המשיח וועלכער איז דאס אמת'דיגע קרבן פסח און ווער ס'גלויבט אין איהם, היפט דער מלאך המשחית איהם איבער, ווייל דער שטן האט איבער איהם לחלוטין קיין שליטה מעהר.

אפילו אין די פון מענשען פאראררדענטע זאכען וואס מיר אידען האלטען יא אום פסח, נאכטהוענדיג אונזערע עלטערן, געפינען מיר אויך שטארקע סמנים אז אונזערע אמאליגע אבות אבותינו האבען געגלויבט אין ישוע המשיח. למשל, דער איד נעמט צום סדר 3 מצות איינע אויף די אנדערע און צוברעכט די מיטעלסטע מצה אין העלפט, באהאלט זי אונטערן קושען פאר א שטיקעל צייט, דאן נעמט ער דאס ארויס פון דארט און גיט יעדען פון זיין בני בית דערפון א שטיקעל. און דאס פאסירט בעפאר מ'טרינקט דאס דריטע כוס. די דריי מצות סימבאליזירען „אב בן ורוח הקדש". די מיטעלסטע מצה, דער „בן" ישוע המשיח, ווערט צובראכען און באגראבען פאר א צייט. דעם דריטען טאג שטעהט ער אויף פון קבר און איז אלעמענס משיח און גואל ווער עס וויל נור איהם אויפנעמען אלס דאס אמת'דיגע קרבן.

אט דאס הייסט א פסח לד', ווייל גאט האט דעם קרבן אליין געבראכט. ניט אזא קרבן ווי מיר האבען געבראכט אויף וועלכען גאט זאגט אין ישעיה א': „למה לי רוב זבחכם יאמר ד'". גאט אליין האט געברענגט דאס קרבן און ווען גאט טהוט עפעס, טהוט ער עס בשלימות. און ווען מיר קוקען זיך צו צו דיעזען קרבן וואס איז געקוילעט געווארען אויף'ן בארג גלגולת פאר אונזערע זינד באקומען מיר א לב נשבר, דאס פארשימעלטע חמץ געהט במילא ארויס פון אונזער הערץ און מיר האבען א ריכטיגען פסח. אט דאס זאגט אונז דער גרויסער אפאסטעל שאול רער תלמוד פון ר' גמליאל הזקן: „כי גם משיח זבח פסחנו הקרב". (א קורנתיים ה' 7).

---

## איז די וועלט משוגע?

ניטא א פאלק וואס באשטעהט פון סאמע חכמים. אין דער הגדה מעג טאקע שטעהן: „כלנו חכמים", ד. ה., אז אלע זיינען מיר חכמים, דאס איז אבער ניט מעהר ווי א גלייך־ווערטעל. אודאי זיינען דא אידען וואס זיינען קלוג, פאראן אבער א סך ניט־אידען וואס זיינען ווייט ניט קיין נאראנים... אז איינשטיין האט א געשליפענעם קאפ דאס וויסט מען, דאס אייגענע קאן מען אבער אויך זאגען וועגען עדיסאן, און געשליפענע מוחות האבען שוין שעקספיר און טאלסטאי געהאט.

„יעדער פארוואס האט זיך זיין פארדאס". מסתמא מוז דא עפעס זיין וואס אזויפיל מיליאנען מענשען באנוצען זיך מיט עלעקטרישע ליכט אנשטאט מיט נאפט־לעמפלאך, און מיט דעם אויטאמאביל אנשטאט מיט פערד און וואגען.

פאר די לעצטע נײַנצען־הונדערט יאהר לעבען מיר אידען אין א וועלט וואס איז באהערשט פון אונזער געדאנק, באגייסטערט מיט אונזערע אידעאלען, און באאיינפלוסט פון א רעליגיע וואס מיר האבען באשאפען, ווייל אפען גערעט, איז דען ישוע הנוצרי ניט א איד? זיינען דען זיינע תלמידים ניט געווען אידען? איז אפשר דער ברית חדשה ניט געשריבען געווארען פון אידען? און איז דען ארץ ישראל ניט דאס לאנד פון וואנען עס איז אנטשטאנען די רעליגיע פון קנאפע זעקס הונדערט מיליאן מענשען פון היינטיגען טאג? אנגענומען אז א סך פון די 600 מיליאן זיינען ניט אזעלכע גרויסע חכמים; מעגליך טאקע אז פילע פון זיי זיינען נארוואס געווען פרימיטיווע און ווילדע בארבארען, מוז מען אבער צוגעבען אז צווישען די 600 מיליאן זיינען פאראן א סך דענקער, פילאזאפען, דיכטער, שרייבער, מאלער, קינסטלער, וויסענשאפטס־מענער — א סך איידעלע מענשען וואס באטראכטען ישוע הנוצרי ניט פאר א באבע־מעשה, א פוסטע איינרערעניש, נייערט וואס זעהען אין "א י ה ם די פארקערפערונג פון געטליכע מדות, דעם הייליגסטען צווישען די קדושים, דעם שענסטען פראדוקט פון דעם מענשליכען מין, וועמעס לעבען און לעהרע, און וועמעס איבערגעבענקייט צום אמת און יושר איז אזוי ערהאבען, אזוי געטליך, דאס קיינער ניט צווישען אונז קאן זיך מיט איהם פארגלייכען.

נו, דעם אמת גערעט, קאן ווער באהויפטען אז זעקס־הונדערט מיליאן מענשען זיינען משוגע און אז בלויז מיר אליין זיינען ביים קלארען פארשטאנד? א מענש מיט געהירען וועט דאס ניט וואגען צו באהויפטען. אן אינטעליגענטער מענש וועט ניט האבען די העזה צו זאגען אז זעכצען מיליאן אידען זיינען ביים קלארען פארשטאנד און אז זעקס־הונדערט מיליאן אנהענגער פון ישוע המשיח זיינען טפשים, פשוט'ע משוגעים.

— חיים איינשפרוך.

---

## יונה הנביא — א מיסיאנער

### פון ב. שאטקין

דער נביא יונה, אדער ווי ער ווערט אמאל גערופען „דער עוואנגעליום פון אלטען טעסטאמענט" איז פון אנפאנג ביז צו ענדע א מיסיאנערישעם בוך. עס וועלען אפשר איניגע פון די וואס וועלען דאס לעזען, דאס נישט גלויבען, אנדערע וועלען אפשר שטארק בייז ווערען דערפאר, האט אבער נור אביסעלע געדולד און איהר וועט אליין איינזעהן אז מיר האבען נישט געמאכט חלילה א בלבול אויף דעם נביא נייערט פשוטו כמשמעו, יונה הנביא איז געווען א מיסיאנער.

מיר לייענען אין יונה: „שטיי־אויף און געה נאך נינוה און דרש'ען צו איהר אז איהר בייזקייט איז אויפגעגאנגען ביז מיין אנגעזיכט". ד"ה, אז דער נביא האט א באפעהל בעקומען פון גאט צו געהן אין דער גוי'שער רעזידענץ שטאדט נינוה. אז זיי זאלען תשובה טהון פון זייערע זינד און אז ער זאל זיי ברענגען צו דער געטליכער אמונה און צו גאטס ווארט.

מיר זעהן אבער אין יונה א מין עקשנות. ער וויל נישט געהן נאך נינוה. מעג די שטאדט מיט איהר מיליאן מענער און פרויען און קינדער אונטערגעהן... יונה וויל זיך דוקא בעפרייען פון צו געהן נאך נינוה. ער אנטלויפט גאר מיט א שיף נאך תרשיש און לעגט זיך רוהיג שלאפען. וואו מיר זעהן איהם שפעטער דערפאר שטארק ליידען און ער האט זיך דאך געמוזט בייגען פאר גאטס ווילען און דאך געהן צו זיין א מיסיאנער צו דער שטאדט נינוה.

דאס ציינט אונז אז עס איז לחלוטין נוצלאז צו שטרייטען מיט גאט ב"ה און נישט טהון זיין ווילען, ווייל גאטס ווילען מוז און וועט געשעהן צי מיר ווילען יא צי ניט.

זעהר עהנליך איז די ערפאהרונג פון יונה צו די שטעלונג פון אונזער פאלק ישראל צו איהר איינענעם משיח. ישראל געהט דורך א פעריאדע פון עקשנות שוין באלד 2000 יאהר. זיי זאגען וואס געהט אונז אן די וועלט, זאלען זיי זיין וואס זיי ווילען מיר וועלען אנהאלטען אונזער עקשנות און נישט צוגעבען אז ישוע איז דער משיח. טראץ דעם וואס אידען ליידען דערפאר, איז דאך דער עקשן נישט קליגער געווארען און דער אידישער בנין איז נאך תמיד אזוי ווי די וואקעלדיגע שיף פון יונה אויף וועלכער יונה האט געשלאפען טראץ דעם וואס די שיף האט שיעור געוואלט אונטערגעהן אין די כוואליעס פון ים.

די שטאדט נינוה איז דאמאלס געווען זעהר זינדיג און גאט האט געוואלט פארניכטען די גאנצע שטאדט סיידען זיי וועלען תשובה טהון, אזוי אויך געפינט זיך איצטער די וועלט אין א שרעקליכער פינסטערניש, אי אין דער אידישער וועלט און אי אין דער גוי'שער וועלט. בפרט ביי דער יונגער גענעראציאן, וואו עס וואקסט אונגלויבען, פערצווייפלונג און אונזיטליכקייט. יא די גרויסע וועלטשטאדט „נינוה" דארף נויטיג מיסיאנערן אום זיי צו רופען צו תשובה בעפאר די וואקעלדיגע שיף געהט נישט חלילה אין גאנצען אונטער.

ווערטהע לעזער. מיר גלויביגע אין אונזער גואל ישוע המשיח האבען די ערפאהרונג אז נור ער, ישוע המשיח אליין, איז די טהיר צום גייסטיגען ווידערגעבורט. מיר גלויביגע אין ישוע המשיח האבען געהערט דעם רוף פון גאט צו געהן און רופען אידען און גוים צו תשובה און ברענגען דעם „גואל ישראל צום עם ישראל" און דערמיט וועט אן ענד נעמען צו דעם „גלות ישראל" וואס איז אזוי צרה'דיג ווי יונה'ס שיף איז אמאל געווען... ישוע המשיח וועט ברענגען די גאולה שלמה פאר כל ישראל.

---

## גרויסע אידען

מיר שטעלען דא דאס בילד און ביאגראפיע פון גרויסען איד רעוו. יוסף פלאקס פון רוסלאנד.

מר. פלאקס איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען ביי זעהר פרומע ארטאדאקסישע עלטערן. זיי האבען איהם פון דער פריהער יוגענד אן מדריך געווען צו תורה ועבודה. מיר זעהען איהם זיך פעסט שאקלען איבער גמרא מיט תוספות, דאווענען מיט כונה, פאסטען תעניתים, שלאגען כפרה, שאקלען לולב, געהן צו תשליך, קלאפען הושענות, שלאגען המן'ן, און אלעם וואס א פרומער איד דארף טהון און דאך האט ער קיינמאל נישט געוואוסט אויף ז י כ ע ר אז זיינע עבירות זענען איהם פארגעבען און אז ער איז ז י כ ע ר א „בן עולם

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. XI, No. 8 — 50 CENTS A YEAR — APRIL, 1929

## עפעם פסח'דיגס

גאט ב"ה רופט אן דיעזען גרויסארטיגען יום טוב, „פסח הוא לד'" ד"ה, עס איז גאטס פסח. דאס מיינט אז מיר זאלען ניט פייערען דיעזען יו"ט מיט עסען און טרינקען, ווייל ביי גאט מאכט עס לגמרי קיין חילוק צו מ'עסט יא צו ניט. און צו מ'טרינקט יא צו נישט. ווען גאט זאגט „פסח הוא לד'", מיינט ער דערמיט א גאנץ אנדערע זאך, אזוי ווי מיר ווען עס דא באלד ערקלעהרען.

דער טיטעל „פסח הוא לד'", דאס איז גאטס פסח, ווערט נישט אנגעווענדעט צו קיין אנדערען יו"ט נור צו פסח. עס הייסט נישט שבועות הוא לד', אדער סוכות הוא לד', א. ז. וו. נייערט פסח אליין האט גאט גערופען זיין אייגענטום, ארויפשטעמפעלדיג זיין נאמען דערויף, אבער פארוואס? טא הערט:

דער וויכטיגסטער פונקט אין דיעזען יו"ט איז: וואס גאט האט געהייסען קוילען א לעמעלע און נעמען דאס בלוט און אנשמירען אויף די צוויי ביישטידלעך און אויף דער אויבערטהיר כדי ווען דער מלאך המשחית וועט פאראיבער געהן אין יענער נאכט דורך מצרים און וועט זעהן דאס בלוט אויף אידישע טירען וועט ער איבערהיפען און ס'וועט אין יענעם הויז קיין צרה געשעהן.

עס איז אין פלוג אביסעל פריקרע דאס צו פארשטעהן. עס איז עפעס אזוי מיסטיש: סטייטש, היתכן, קען דען גאט ב"ה נישט אנדערש וויסען וואו אידען וואהנען סיידען דורך א סימן פון בלוט באשמירט אויף די טהירען? דיעזער מערקווירדיגער פונקט איז כדאי מ'זאל זיך דרין פארטיעפען און אויסגעפינען דעם סוד פון דעם „פסח הוא לד'".

די אלע אנדערע צערעמאניען וואס מיר אידען פראקטיצירען אין דיעזען פסח, ווי למשל דעם היסב־בעט, דעם קיטעל, די ארבע כוסות און שאר ירקות, האט לחלוטין קיין ווערטה ביי גאט, ווייל עס איז נור א „מצות אנשים מלמדה", א זאך וואס גאט האט שוין לאנג געזאגט אז ער האסט דאס בתכלית השנאה. (ישעיה כ"ט, 13, 14).

דער יו"ט פסח באשטעהט אבער ניט אין מענשליכע צערעמאניעס, נייערט אין גאטסווארט, וואס זאגט דארט „וראיתי את הדם", און דארט וואו עס איז געווען בלוט האט דער מלאך אריבערגעהיפט. און דערפאר הייסט עס אויך פסח, „על שום שפסח", ווייל ער האט איבער־געהיפט דארט וואו דאס בלוט איז געווען. איז אבער דארט קיין בלוט געווען האט ער במילא ניט איבערגעהיפט. דערפאר זאגען מיר אז היינט, ווען מיר האבען קיין קרבן פסח און קיין בלוט פון קרבן פסח האמיר לחלוטין קיין „חג הפסח" נייערט א „חג המצות".

ס'פאראן א ספר'ל געדרוקט אין אידיש און אין ענגליש וואס דערצעהלט פון א וואונדערבארע עראייגניס מיט אן עהרליכען איד. ווען ער האט די פארבערייטונגען געמאכט אויף פסח איז איהם פלוצים איינגעפאלען דער געדאנק און די פראגע: „יא יא, איך געה באלד האבען „פסח", אבער געוואלד, וואו איז דאס קרבן פסח און דאס בלוט וואס איז די הויפט זאך פון פסח"?

ער איז אזוי ארום נעגאנגען פרעגענדיג לומדים און רבנים, קיינער האט איהם אבער ניט געקענט ענטפערען צופרידענשטעלענד. דער עהרליכער איד האט אבער אנגעהויבען אליין ערנסט נאכצודענקען און נאכצושטודירען די ביבעל, האט ער אויסגעפונען אז גאט האט ניט נור אויף פסח געהייסען נוצען דאס בלוט פון א קרבן וואס איז געווען א „שה תמים", א פאלקאמען לעמעלע, נייערט צו יעדער צייט, בזמן הבית, ווען א איד האט זיך פארזינדיגט געגען גאט האט ער באדארפט ברענגען א קרבן וועמעס בלוט דער כהן האט געשפריצט „על קרנות המזבח" פאר א פארגעבונג פאר זיינע זינד. און אין יום כפור האט דער כהן געשפרענגט דאס בלוט על הכפורת, און איז באלד ארויסגעקומען מיט דעם „ונסלח לכל עדת בני ישראל" אויף די ליפען.

און אין ויקרא י"ז זאגט גאט איינמאל פאר אלע מאל „כי הדם הוא בנפש יכפר". ד"ה, נור דאס בלוט קאן ברענגען א פארגעבונג פאר די זינד.

ווען אונזער פרומער און עהרליכער איד האט דאס ערפאהרען האט ער זיך געפיהלט זעהר מיזעראבעל, ווייל היינט האמיר מעהר קיינע קרבנות און קיין בלוט האמיר במילא אויך קיין פסח. ענדליך האט אונזער עהרליכער איד אויסגעפונען אז צו דער צייט ווען דאס בית המקדש האט באדארפט חרוב ווערען, און קרבנות אויפהערען, האט גאט ב"ה אונז געגעבען זיין אייגענעם קרבן דעם הייליגען משיח אויף וועם אלע קרבנות זיינען נור געווען א פארבילד, און וועמעס בלוט איז פארגאסען געווארען פאר די זינד פון די גאנצע וועלט, אז ווער ס'גלויבט אין איהם האט א כפרות עון און במילא אויך א ריכטיגען קרבן פסח.

און ווי דער עהרליכער פרומער איד האט דאס אויסגעפונען האט ער מקבל געווען די אמונה בישוע המשיח אין זיין הערץ און איז געווארען א ישראלי באמת אשר אין בו רמיה". (יוחנן א).

לויט ווי מיר האבען געזעהן ביז איצט האט גאט אהינגעוויזען אויף א בעסערען און חשוב'ערען קרבן אלס א לעמעלע. גאט האט אונז דערמיט אהיז געוויזען אויף דעם משיח ישוע וועלכער ווערט אנגערופען „שה אלהים" ווייל ער איז געווען אזוי דעמיטהיג, אזוי ריין און פאלקאמען אזוי ווי א לעמעלע. (ישעיה נ"ג, 7) און דארט אין ירושלים הערען מיר ר' יוחנן הצדיק איינמאל אויסרופען ווען ער האט געזעהן ישוע המשיח קומען:: „הנה שה אלהים" (יוחנן א) אידען האבען דאס געהערט און האבען אין איהם אויך געגלויבט, שוין אויך דערפאר ווייל דער גרויסער צדיק ר' יוחנן, דער זוהן פון זכריה כהן גדול האט אזוי געזאגט. נור שפעטער זיינען אידען פארפיהרט געווארען פון זייערע מנהיגים און זיינען פון דעם גלויבען אין ישוע המשיח אוועקגעפאלען.

איצט ווילען מיר באטראכטען איינינע פארארדנונגען פון גאט אין באצוג צו דעם קרבן פסח וואס צייגען אונז דייטליכע סמנים צו דער זעלבער באגעבענהייט פון ישוע המשיח.

ערשטענס זעהען מיר ביים ענין פון קרבן פסח אז גאט האט אנגעזאגט אז מ'זאל קוילען דאס קרבן פסח, דאס לעמעלע, „בין הערבים" צווישען די אבענדען. פונקט אום 3 אזייגער, ווייל איין „ערב" איז צווישען 12 און 3, וואס הייסט מנחה קטנה, און דער צווייטער „ערב" איז צווישען 3 און 6 וועלכעס הייסט מנחה גדולה. און צווישען דיעזע צוויי אבענדען „בין הערבים", 3 אזייגער, איז דאס קרבן פסח געקוילעט געווארען. און אין דער היסטאריע פון ישוע המשיח לייענען מיר אז אויך פונקט אום 3 אוהר, די ניינטע שטונדע אויף'ן טאג, איז ישוע המשיח, דאס „שה אלהים" נעקרייציגט געווארען און האט אויסגעהויכט זיין לעצטען אטהעם. (מתתיהו כ"ז, 46-69).

צווייטענס, ביים קרבן פסח האט גאט פאר־

Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.